הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

Call no: B. (NS)Cr159

Title: Ha-ohez be-yad ashamnu ...

כותר: האוחז ביד אשמנו ...

Imprint: [Europe : s.n., 19--]

Collation: 1 broadside ; 38 x 25 cm.

הערות: סוג הגליון: שיר חתונה. תחילת השיר: פאן אללע תפילות אויף דער וועלט.

Subject: Epithalamia.
Yiddish poetry.
Songs, Yiddish.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

These images are from the collection of the Library of the Jewish Theological Seminary (JTS). JTS holds the copyrights to these images. The images may be downloaded or printed by individuals for personal use only, but may not be quoted or reproduced in any publication without the prior permission of JTS.

דיא 2 נייע ליעדער

# האוחז ביד

## געזינגען מיט'ן גרעסטען סוקסעס

1

פאַן אללע תפילות אויף דער וועלט
וואָס אין מחזור איז אונגעשריעבען
איז נור דיאאיינע וואס מיר געפעלט
וואָס איך אלליין האב זיא אויסגעקליעבען
ווער עס וועט זיך מיר נאָכנעהמען
אין דיא תפילה מיר נאָך זאָגען
דער וועט תמיד געווינ:ען
אין זיך קיין מאָהל ניט בעקלאָגען
ווען איינער שווערט זיך פאַר אייך בייא זיין לעבען
אין זאָגט אייך צו אַקאָראַט
מעגט איהר איהם נור דאמאָלס גלויבען
ווען ער וועט אייך זאָגען דעם פסוק האוחז ביד

2

איינער האָט אַ מיידל אַ אַנטיק
אין זיכט פאַר איהר אַ פיינען מאַ[illegible]
[illegible]
ער וויל פאָן איהר גליקליך זיין
ער גיבט זיך אויך פיעל מוהע
אויסצופיערען זיין גוטען פלאַן
ווייל זעהר פיעל נדן זאָגט ער צוא
נובדעם ווען דיא תנאים וועלע זיין
דער חתן זאָגט אַבער איך בעט אייך מחותן
ליינט אָב דיא תנאים אוף איין אנדערער צייט
איך בעט איבער אייער כבוד מיט גוטען
לייגט קודם אַן יעדער דען פסוק האוחז ביד

3

דאָרט פיערט מען אַ כלה צו דער חפּה
אָנגעטהון אַבלומענקראַנץ
דיא מאמע אַ בריסטשאַק איין אַ יופה
אין טאנצט איהר אַ קעגען אַ מצוה טאַנץ
עפעס כלה ביסט דיע האַנט נישט פריילֹיך
שרייען דיאַ מחותנים אַללע
דיין חתן איז דאָך האנט אַ מלך
אין אַ מלכה ביסט דיא כלה
דיא כלה וויל אָבער פין גאָר נישט הערין
זיא שרייט איך בין נאָך פין גאָר נישט זאַט
ערשט דאַמאַלס זאָגט זיא וועל איך פריילֹיך וועריין
ייען איך יועל האַלטען ביים פסוק האוחז ביד

# אשמנו

## פין מאראם ראזא קלוג

1

א סוחר'ל גאָר א גאנין קליינער
ער האָט קוים פרנסה געהאַט
יעצט מיינט מען אז ער איז גאָר איינער
זיין געשעפט ריעמט מען פין ווייט
אפשר פופציג קאמיען
קענען גאָר נישט אַנריהען
מען ראשט מיט איהם אין יעדער גאַסס
שפּעטער מיט אַ צייט
דערזעה איך איהם פין ווייט
וויא ער שטעהט נעבאַך אין פאָליש גאנין בלאסס
(פראָזע) יונגערמאן וואס ביזטו אזוי בלאס האָסט אווארע אָנגעזעצט
ענפערט ער) אָשמנו, אוי וועה בגדנו, גזלנו, דברנו, נישט געניג
איך האָב אָנגעזעצט איז מיר געבליעבען אַ מכה בדופי

2

איין אלטער רייכער הערר
ער האט אבער זעהר פיעל געלד
יעצט איז נאָך זיין בעגעהר
מיט אַ שיין מיידעל אָבפיערען דיא וועלט
זיא האָט איהם פערטיצט
אין שטיעב זיך אבים געפיצט
מיט שעהנע יונגע לייט
דיא שליססעל האָט זיא בעהאָמען
פאָן דער קאַססע אַללעס פערנאָמען
מיט אַ יונגען מאַן איים געוועזען דיא צייט
(פראָזאַ) איך פרעג איהם אַזוי אַלטער נאַרך וואָס ביסט דיא
אזוי בעטריעבט ? וואָס דיין ווייב איז דיר אַנטלאָפען אין האָט דיר
צוגענאָמען ־ אס געלד ?
(זאָגט ער) אָשמנו, אָז"ו נגישט ענוג זיא איז אַנטלאָפען
האָט זיא מיר איבערגעלאָזט אַ מכה בדופי :

3

אַ מיידעלע אַ גאָלד אַ בריללאַנט
פערליעבט אין אַ יונגען מאַן
ער האָט איהר געגעבען דיא האנד
אַז ער וועט איהרער זיין
זיא האָט איהם געגלויבט
און האָט זיך נעביך בעשטרעבט
געגעבען איהם וואָס זיא האָט פערמוגט
אין אַ קורץ שטיקעל צייט
דערזעה איך זיא פין ווייט
וויא זיא ווינט נעביך ביטטער און קלאָגט
(פראָזאַ) מיידעל וואָס וויינסט דיא אַזוי? ווייל דער התן איז דיר
אַנטלאָפען און האָט בייא דיר צוגענאָמען דאַס געלד?
(זאָגט זיא) אָשמנו, אָז"ו' נישט גענוג ער האָט בייא מיר צוגענאָמען
דאס געלד האָט ער מיך איבער געלאָזט מיט אַ מכה בדופי